שבת ראש חודש

בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

נח

א' חשון תשפ"ה

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 4:14 |
| מוצש"ק | 5:26 |
| ר"ת | 6:06 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 7:53 | סוז"ת א' | 9:03 |
| סוזק"ש ב' | 8:37 | סוז"ת ב' | 9:32 |

די צייטן לויט די ווינטער זייגער

גליון מס': ק"ז
שנה ג'

## טיב המערכת

### עַם אֶחָד וְשָׂפָה אַחַת

עס ווערט דערציילט אויף א איד א ירא שמים וועלכער האט געוואוינט אין א שטעטל וואו אלע איינוואוינער זענען געווען פשוט'ע אידן, שומרי תורה ומצוות, און איינמאל האט דער איד געדארפט דורכגיין א מעדעצינישער באהאנדלונג צוליב וואס ער האט געדארפט אריינפארן אינעם גרויסן שטאט. נישט האבנדיג קיין אנדער ברירה, האט ער פארלאזט זיין שטעטל, און איז אריבערגעאנגען צוזאמען מיט זיין ווייב און זיינע קליינע קינדער וואוינען אין די גרויסע שטאט. די מענטשן פונעם גרויסן שטאט זענען אבער נישט געווען אזעלכע יראים ושלמים ווי די מענטשן פונעם שטעטל, אבער דער איד פון אונזער דערציילונג איז נישט געווען פון דער סארט וואס האבן א שטארקע שייכות מיט די מענטשן ארום אים, און דעריבער האט דאס אים נישט אזוי געשטערט, אבער נאך עטליכע יאר וואס זיי האבן געוואוינט אינעם שטאט, האט דער איד פלוצלונג געמאלדן פאר זיין משפחה אז מען לאזט אפ די שטאט און מען גייט צוריק וואוינען אין דארף.

הערנדיג דאס, האבן זיי זיך זייער שטארק געוואונדערט, וויבאלד זיי האבן געוואוסט אז ער איז נאכנישט אויסגעהיילט געווארן פון זיין קרענק, און דערווייל דארף ער נאך אלץ אריבערגיין נאכאנאנדע באהאנדלונגען אינעם שפיטאל יעדע עטליכע טעג, איז אויב אזוי פארוואס האט ער באשלאסן צו פארלאזן די שטאט. האט ער זיי ערקלערט, אז ווילאנג זיינע קינדער זענען נאך געווען קליין, און ער האט געוואוסט אז זיי האבן נישט קיין פארבינדונג מיט די קינדער פונעם שטאט, האט ער נישט מורא געהאט, וויבאלד ער אליין האט אויך נישט קיין שייכות מיט די מענטשן פון די שטאט, אבער וויבאלד די קינדער זענען שוין אונטערגעוואקסן, האט ער מורא טאמער וועלן זיי זיך באקענען און אנהייבן האבן א שייכות מיט די קינדער פון די גרויסע שטאט, וואס דאס קען חלילה שאדן פאר זייער חינוך, דעריבער איז אים בעסער צו פארציכטן אויף זיין געזיכט און נישט אויף דער חינוך פון זיינע קינדער.

די מענטשן פונעם דור הפלגה, זענען געווען באוואוסט מיט זייער אחדות, אזוי ווי די תורה הקדושה זאגט 'וַיְהִי כָל הָאָרֶץ שָׂפָה אֶחָת וּדְבָרִים אֲחָדִים', און דווקא דורך אט די אחדות זענען זיי געשטרויכלט געווארן און זענען געקומען ווידערשפעניגן אינעם אויבערשטן. און פון די אנדערע זייט ווערט דערציילט אין די פרשה פון די וואך איבער 'אשור', 'מִן הָאָרֶץ הַהִיא יָצָא אַשּׁוּר וַיִּבֶן אֶת נִינְוֵה וְאֶת רְחֹבֹת עִיר וְאֶת כָּלַח', און רש"י איז מפרש 'כֵּיוָן שֶׁרָאָה אַשּׁוּר אֶת בָּנָיו שׁוֹמְעִין לְנִמְרוֹד וּמוֹרְדִין בְּמָקוֹם לִבְנוֹת הַמִּגְדָּל, יָצָא מִתּוֹכָם'. און אויב וועלן מיר קוקן ווייטער צו זען וואס איז ארויסגעקומען שפעטער פון זייערע מעשים, וועלן מיר זען אז וועגן די מעשים פון אשור שטייט גלייך אין פסוק אז ער האט געבויט די דריי שטעט, און וועגן די אנדערע מענטשן פון דער דור הפלגה, שטייט אין פסוק אז דער אויבערשטער האט צומישט זייער שפראך און האט זיי צושפרייט איבער די גאנצע וועלט.

וויפיל דארפן מיר זיך היטן און דערווייטערן פון שלעכטע חברים, טראצדעם וואס דער כח פון אחדות איז זייער גרויס און דערהויבן, דארפן מיר וויסן אז דאס איז נאר גוט און כשר ווען עס העלפט אונז צו ממלא זיין דעם רצון השי"ת, אבער אויב מען נוצט נישט דעם כח כדי צו ערפילן דעם רצון השי"ת, קען מען אנקומען צו ווידערשפעניגן אין מלכות שמים. (עפ"י טיב התורה – נח)

## טיב הפרשה

### די תיבה פון די היינטיגע וועלט

#### בא אתה וכל ביתך אל התיבה

אין די וואכעדיגע פרשה לערנען מיר איבער דער דור המבול און איבער דעם דור הפלגה.

מיר ווייסן אז יעדע זאך וואס שטייט אין די תוה"ק איז א לימוד פאר אונז, עס איז שייך צו אונזער דור, עס ענטהאלט אין איר א געוויסער דערהער וואס איז שייך צו אונזער דור.

אז מען וועט זיך מתבונן זיין אין די געשיכטע פון די מבול און ווי אזוי הקב"ה האט אנגעזאגט פאר נח אז ער מיט זיין משפחה זאלן אריינגיין אין דעם תיבה, זעט מען די נקודה אויף טריט און שריט - מען זעט ווי אזוי די געשעעניש איז א לימוד פאר אונזער דור, אבער דאך ווערט שווער עטליכע נקודה'ס אין די ערציילונג.

יעדער ווייסט אז די מטרה פון די תיבה איז געווען אפצוהיטן נח פון דער מבול, אבער אז מען קוקט אריין אין די קאמפליצירטקייט פון די תיבה און ווי אזוי עס איז געווען געבויט און וואס מען האט אלץ געדארפט אריינשטופן אין די דריי הונדערט אמה - בלייבט מען שטיין פארוואונדערט.

דער גאנצער עקזיסטענץ פון די תיבה איז איין לאנגער נס. אינדרויסן איז אראפ א מבול, אלעס וואס איז געווען אין די וועלט איז פארניכטעט געווארן, די איינציגסטע זאך וואס איז געבליבן איז א שטיבל וואס איז געמאכט געווארן פון האלץ.

דאס אליין איז קעגן יעדע שכל. עס איז נישט דא קיין אנדערע הסבר דערצו ווי אז עס איז געווען א נס, און אז אלעס איז סיי ווי סיי געווען בדרך נס – וואס האט אויסגעפעלט אז די תיבה זאל זיין אזוי קאמפלעצירט? צושטופט, אז אין איר זאלן זיין צונויפגעדרוקט אלע בעלי חיים פון די וועלט און אז דער מענטש זאל זיי דארפן שפייזן מיט אזעלכע שוועריגקייטן? און זיך קוים קענען פארמעסטן מיט די גרויסע שוועריגקייטן וועלכע האט אים ארומגענומען זייענדיג דארט.

נאר, ווי געשמועסט איז עס א רמז פאר די קומענדיגע דורות. אין די נקודה ליגט א שטארקער דערהער וועלכע וועט זיין

>>> | המשך אין עמוד ב' |

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

נוגע פאר די שפעטערדיגע דורות. די תוה"ק וויל אז דער איד זאל וויסן וואס טוט מען אין א צייט וואס עס איז דא א מבול אויף די וועלט, ווען די לופט איז פאר'סמ'ט מיט אפיקורסות, מיט השחתה.

אין אזא צייט איז נישט דא קיין אנדערע עצה ווי איבערצולאזן די ארומיגע וועלט און זיך איינשפאַרן אין א קליינע תיבה.

די תיבה איז די 'חבורה' אדער די 'מסגרת' אין וואס מען לעבט, ווי א 'קהילה' אדער א 'חסידות' אדער א קומץ קטן פון ערליכע אידן, ווייל נאר אז מען האלט זיך צוזאמען אין א קליין קעסטל און מען האלט זיך אפגעזונדערט און דערווייטערט פון די ארומיגע וועלט קען מען זיך דערהאלטן קעגן די שווערע רעגן פון רַע וואס רעגנט אין די גאס.

דאס איז דער הויפט דערהער וואס מען לערנט ארויס פון די תיבה אבער איינמאל מען כאפט דער גדאנק גייט מען אריין אין די קלענערע דעטאלן און מען לערנט אפ די געשטעל פון די תיבה - ווי אזוי זי איז געבויט געווארן און וואס נאך איז דא אין די תיבה, אז מען זאל פארשטיין פון איר ווי אזוי מען פירט זיך למעשה.

די ערשטע כלל איז דער אחדות. ווען מען לעבט אין א קליינער פלאץ און מען דרוקט זיך צוזאמען פאר א לענגערע צייט, מוז מען אנקומען צו א מצב אז איינער לעבט מיט'ן צווייטן און אפילו אז איינער שטימט נישט מיט דעם אנדערן - מוז מען טרעפן א וועג ווי אזוי מען פאראייניגט זיך צוזאמען - ווייל אז דאס פעלט וועט מען נישט טרעפן א וועג ווי אזוי מען קען לעבן צוזאמען.

נאך א נקודה וואס מען זעט דא איז אז אויך אין דעם קליינעם קעסטל ווערט מען נישט פטור פון די סכנה וואס שוועבט אויף אונז - ווייל אויך אינעווייניג אין די תיבה איז דא אלע מיני חיות רעות.

אין די קליינע תיבה איז געווען חיות רעות, און עס איז אויך געווען די אפפאל.

מיט דעם וויל אונז די תוה"ק ווארענען אז אויך ווען מען געפינט זיך אין די תיבה קען מען זיך נישט ארומדרייען רואיג און מיט א געלאסענקייט זאגנדיג אז יעצט בין איך פארזיכערט - נאר אז אויך אין דעם קליינעם קעסטל איז דא שלעכטע חיות, מיסט און אלע ערליי שלעכטע זאכן.

אין א געוויסער מאס איז די סכנה גרעסער אין אזא ארט - ווייל דער יצר הרע רוט נישט און וויסנדיג אז די אחדות איז גרויס אין אזא ארט און די איינפלוס פון איינעם אויף די אנדערע איז גרעסער - וועט ער זיך דארט אריינכאפן שטערקער און גרעסער.

די בחינה זעט מען גאר שטארק ביי א קליינע קהילה. דער נאטור פון א קלענערע קהילה איז אז מען לעבט מער באחדות. יעדער קען יעדן, אבער דאס טאקע וועט צוברענגען אז ווען עס קומט צום דאווענען זאל מען זיך שווערער קענען מתגבר זיין אויף די נסיון פון רעדן ביים דאווענען ווייל מען איז נאנט, און אז מען נאנט און מען טרעפט זיך שוין פון צייט צו צייט האט יעדער אסאך צו דערציילן פאר'ן צווייטן און די דראנג צו רעדן איז גרויס און מען דארף מער שמירה זיך צו היטן נישט צו ווערן נאכגעשלעפט נאך די געזעלשאפט.

זאל הקב"ה העלפן אז מען זאל קענען מיטנעמען די געדאנקען און זיך אפהיטן פון אלע שלעכטע זאכן, און זיך דערווייטערן פון שלעכטס און בלייבן אפגעהיטן פון אלע ארומיגע כוחות.

# טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

### געשריבן דורך לייענערס

# א ישועה אויף יארן שפעטער

פאר לאנגע יארן וואוין איך אין איינס פון די אידישע שטעט אין אייראפע. דאס לעבן דארט איז אין הייזער און מיר וואוינען אויסגעמישט מיט אלע ערליי פערזאנען און צווישן זיי גוים און אויך נישט רעליגיעזע אידן.

עס האט זיך געמאכט אז איך האב געדארפט אריבערגיין א הויז. איך האב נישט קיין אייגענע הויז, איך דינג א דירה און איך האב געדארפט אריבערגיין א פרישע דירה פאר יום טוב.

דער אייגענטומער פון די דירה איז א איד. פאר א שטיק צייט האט ער רענאווירט די דירה און עס צוגעפאסט צו אונזערע געברויכן. ווען ער האט געענדיגט די רענאוואציעס האבן מיר זיך געגרייט אריינצוציען אין איר.

מיט אונזערע זאכן האבן מיר מיטגעברענגט א גרויסע און א שיינע סוכה און זיך געגרייט עס אויפצושטעלן אין די גארטן פון די דירה, אבער דא האבן מיר זיך אנגעשטויסן אין א שטארקע קעגנערשאפט פון אן איינוואוינער פון די הויז.

ליידער איז דער קעגנער געווען א איד, א מלחמה איבערלעבער, פאר לאנגע יארן לעבט ער אין א פחד אז מען וועט אנטדעקן זיין אידישקייט, און עס צו באהאלטן וויל ער נישט אז די געביידע וואו ער וואוינט זאל האבן די מינדעסטע צייכן פון אידישקייט.

מיר האבן אים פרובירט איבערצוצייגן אז עס איז א צייטווייליגע זאך, סך הכל פאר איין וואך, אבער עס האט נישט געהאלפן קיין טענות ומענות. נאך איידער מיר האבן זיך געקענט אויס'טענה'ן מיט אים האט ער גערופן די פאליציי און די פאליציי האט געהייסן אז מען זאל איינווארפן די סוכה.

איך האב אנגעקלינגען דער בעל הבית וועלכע איז ווי דערמאנט א איד. איך האב אים דערציילט וואס עס גייט פאר. דער אייגענטומער איז דער בעל הבית פון דעם גאנצן הויז. זייענדיג באקאנט מיט די געזעצן האט ער אויפ'ן ארט צוגעלייגט א פאראגראף אין דעם קאנטראקט שרייבנדיג אז ער געבט מיר די פולע ערלויבעניש צו בויען א סוכה און אז דאס איז א טייל פון דעם קאנטראקט.

מיט דער צוגעלייגטער דאקומענט בין איך אריבערגעלאפן אין דער לאקאלער פאליציי סטאנציע, איך האב זיי געוויזן דעם דאקומענט און זיי האבן מיר גלייך געגעבן די ערלויבעניש צו קענען בויען די סוכה.

איך האב אפגעאטעמט פריי, איך האב זיך גענומען צו די עבודה, מען האט געבויט א הערליכע סוכה, אבער די איבערגאנג האט מיר פארדראסן, עס האט מיר באגלייט א לענגערע צייט.

נאר עטליכע יאר שפעטער האב איך פארשטאנען ווי גוט עס האט זיך געפירט אז בשעתו איז געווען דער געראטשקע. מיט יארן שפעטער האט דער איד פארקויפט דאס הויז פאר א גוי. די זעלבע דירה וואו איך האב געוואוינט ביז יעצט האט אנגעהויבן געהערן פאר א גוי.

א גאנץ יאר האב איך געלעבט רואיג, אבער ווען עס איז געקומען צוגיין סוכות האט זיך אנגעהויבן א גערודער. די הויז אייגענטומער האבן גע'טענה'ט חי וקים אז איך טאר נישט בויען קיין סוכה. וויסנדיג אז דער בעל הבית פון די דירה איז א גוי, האבן זיי געטראפן ביי אים אן אפענער אויער, אבער דא איז מיר צוניץ געקומען דער דאקומענט וואס דער איד האט בשעתו צוגעלייגט.

איך האב געצייגט פאר'ן גוי'אישן אייגענטומער אז די באדינג איז געווען א טייל פון די קאנטראקט.

דער גוי'אישער אייגענטומער האט נישט געהאט קיין אנדערע ברירה.

קעגן זיין ווילן האט ער צוגעשטימט, און מיר געלאזט אנגיין מיט מיינע פלענער.

נאר דאן האב איך געזען ווי אזוי הקב"ה האט אנגעגרייט פאר מיר די ישועה מיט יארן פריער.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: מ.פ.]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים
מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה
סמואלס אין פקס: 15326517922

# טיב המעשיות

## "כְּכֹל אֲשֶׁר צִוָּה אֹתוֹ אֱלֹקִים כֵּן עָשָׂה"!

"וַיַּעַשׂ נֹחַ כְּכֹל אֲשֶׁר צִוָּה אֹתוֹ אֱלֹקִים, כֵּן עָשָׂה"
בראשית ו, כב

איז מפרש **רש"י ז"ל**: "וַיַּעַשׂ נֹחַ – זֶה בִּנְיַן הַתֵּבָה". און ווייטער שטייט אין פסוק (ז, ה): "וַיַּעַשׂ נֹחַ כְּכֹל אֲשֶׁר צִוָּהוּ ה'". און דארט איז **רש"י** מפרש: "וַיַּעַשׂ נֹחַ – זֶה בִּיאָתוֹ לַתֵּבָה".

דארף מען פארשטיין, פארוואס טוט דער פסוק צוויי מאל אונטערשטרייכן דעם "ויעש נח", אז נח האט געבויט די תיבה און האט עס געמאכט אזוי ווי דער אויבערשטער האט אים באפוילן, און ווייטער אז ער איז אריינגעגאנגען אינעם תיבה אזוי ווי דער אויבערשטער האט אים באפוילן.

מיר ווייסן, אז דאס איז זייער א נאטורליכער זאך אין דער טבע פון א מענטש אז ווען מען ווארנט אים אָן איבער א גרויסע סכנה וואס קומט חליל אויף די וועלט, וועט ער גלייך אנטלויפן צו ראטעווען זיין לעבן, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק "וְכֹל אֲשֶׁר לָאִישׁ יִתֵּן בְּעַד נַפְשׁוֹ"! (איוב ב, ד).

און דא איז מֵעִיד דער אויבערשטער, וועלכער איז באשעפער פון די וועלט און ער איז דער וואס פירט עס, און ער ווארנט אָן נח איבער דעם גרויסן מבול וואס דערנענטערט זיך און עס האלט ביים חרוב מאכן די וועלט! און אז דער איינציגער וועג גערעטעוועט צו ווערן פון אט דעם שרעקליכן מבול, איז דורכן בויען די תיבה! און לויטן דרך הטבע איז נישט מעגליך אז נח זאל נישט טראכטן דורכאויס די גאנצע הונדערט און צוואנציג יאר פון בויען די תיבה, איבער דאס רעטונג פון זיין לעבן און די לעבן פון זיין משפחה, און אז ער בויט די תיבה כדי זיך צו ראטעווען.

דעריבער זאגט די תורה קלאר ארויס, וואס איז געווען די סיבה פון בויען די תיבה: "וַיַּעַשׂ נֹחַ כְּכֹל אֲשֶׁר צִוָּה אֹתוֹ אֱלֹקִים"! דער איינציגער טעם פארוואס נח האט געמאכט די תיבה, איז געווען צוליב דעם איינציגן מחשבה, וועלכע איז געווען לויטער לִשְׁמָהּ! – "כַּאֲשֶׁר צִוָּה אֹתוֹ אֱלֹקִים"! און ער האט איבערהויפט נישט געטראכט איבער דאס נאטורליכע ארויסקום דערפון, אז ער און זיין הויזגעזינד וועלן גערעטעוועט ווערן דורך די תיבה.

און נאכמער דערפון, דאס גאנצע אריינגיין אין די תיבה צוליב די וואסערן פונעם מבול, ווען ער האט שוין געזען פאר זיינע אויגן ווי די מבול הייבט אן צו פארפלייצן די וועלט, מיטן גאנצן שטארקייט, לְשַׁחֵת כָּל בָּשָׂר, און דער שרעקליכער חורבן האט זיך שוין אנגעהויבן. – אבער אויך דעמאלטס לויפט ער אריין אין די תיבה, נישט צוליב די נאטורליכע רעטונג, אדער וועגן דער נאטורליכער פחד פונעם קערפער, נאר צוליב איין איינציגע סיבה, וועלכע פולט אן זיין גאנצע וועזן און זיינע אלע מחשבות און רצונות! – דאס איז די זעלבע סיבה וואס אונזער הייליגע תורה, די תורת אמת, זאגט עדות אויף אים: "וַיַּעַשׂ נֹחַ כְּכֹל אֲשֶׁר צִוָּהוּ ה'"! און נישט מער ווי דעם!

**אזוי איז דער שטייגער פון די צדיקים, קדושי עליון, וועלכע דינען דעם אויבערשטן און געבן איבער זייער גאנצע קערפער און לעבן צו יעדער צייט פארן רצון פונעם אויבערשטן. – און דורכדעם ווערט בטל דער טבע פון זייער גשמיות'דיגער גוף, און עס איז נישט פארהאנען ביי זיי קיין שום נאטורליכע פעולה אדער געדאנק מצד דער גוף. נאר איין איינציגע תכלית שטייט אלעמאל פאר זייערע אויגן, ביי יעדע מחשבה, דיבור און מעשה: "כְּכֹל אֲשֶׁר צִוָּה אֹתוֹ אֱלֹקִים כֵּן עָשָׂה"!**

-> • <-

הרה"ג **רבי משה מרדכי שולזינגער זצ"ל** פון בני ברק, איז אמאל קיין ירושלים עיר הקודש כדי זיך דורכצורעדן מיט זיין רבי, דער הייליגער **בריסקער רב מרן הגרי"ז זצוק"ל**.

אנקומענדיג צום הייליגן וואוינונג פונעם רב, האט ער זיך געשטעלט ווארטן ביים אריינגאנג צימער, ביז דער רב וועט אים קענען אויפנעמען אינעווייניג. צוזאמען מיט אים האט דעמאלטס געווארט איינער פון די גדולי **רבני ירושלים זצ"ל**, וועלכער האט אויך געדארפט עפעס רעדן מיטן צדיק.

און אזוי ווי זיי שטייען דארט און ווארטן, האט זיך פלוצלונג געעפנט דער טיר פונעם רב'ס צימער, און גלייך האט זיך באוויזן פאר זיי דעם הערליכן געשטאלט פונעם רב, ווי ער גייט שטיל ארויס פון זיין צימער, מיט זיין באוואוסטע געדולד, און מיט א געוואלדיגן ערנסטקייט איז ער צוגעגאנגען צו איינע פון די שאפעס וואס האט זיך געפינען אינעם אנדערן צימער, וואו ער האט געעפנט איינס פון די לעדלעך, און ארויסגענומען פון דארט עפעס א צעטל וואס ער האט געדארפט האבן. פון דארט איז ער צוריקגעגאנגען צו זיין צימער און זיך צוריקגעזעצט צום טיש, ווען דורכאויס די גאנצע צייט, האט געהערשט אויף זיין הייליג געזיכט א געוואלדיגע אויסדרוק פון 'יראה עילאה'.

נאכדעם וואס דער בריסקער רב האט זיך צוריקגעקערט צו זיין צימער, האט דער אנדערער רב וואס האט דארט געווארט, זיך געוואנדן צו רבי משה מרדכי, מיט א געוואלדיגע התרגשות און התפעלות, און אים אריינגערוימט אין אויער: "האסט געזען וואס דא טוט זיך"?

'יֶע'! – האט ר' משה מרדכי טרוקן געענטפערט – וואס איז דען געווען צו זען? דער רב איז אויפגעשטאנען, און איז ארויסגעגאנגען פאר א מינוט פון זיין צימער, ארויסגעשלעפט עפעס פון לעדל, און האט זיך זיך צוריקגעקערט צו זיין צימער, און דאס איז אלעס!

האט זיך דער אנדערער רב צושמייכלט און געזאגט: "דו האסט ניט געזען"! – ווען דער שולחן ערוך האט געזאגט אז מען זאל אויפשטיין פון פלאץ, איז ער אויפגעשטאנען! ווען דער שולחן ערוך האט געזאגט אז מען זאל ארויסגיין פון צימער, איז ער ארויסגעגאנגען! ווען דער שולחן ערוך האט געזאגט אז מען זאל ארויסנעמען דעם צעטל פונעם שאפע, האט ער עס ארויסגענומען! ווען דער שולחן ערוך האט געזאגט אז מען זאל צוריקגיין און זיך אוועקזעצן, האט ער זיך אוועקגעזעצט אויפן ארט!

האסט נישט אריינגעטראכט! האסט נישט געזען! מיט וואספארא "דחילו ורחימו" ער טוט יעדער זאך! ווייל ביי יעדע פעולה וואס ער טוט, ווערט ער געפירט דורכן שולחן ערוך, און דאס איז וואס ווייזט אים אזוי צו טון!!!

**"כְּכֹל אֲשֶׁר צִוָּה אֹתוֹ אֱלֹקִים כֵּן עָשָׂה"!**

-> • <-

הרב הקדוש **רבי יהושע מבעלזא זצוק"ל** איז געווען פון די גרעסטע קעמפער אין זיין צייט קעגן די תנועת ההשכלה, קעמפנדיג קעגן די משכילים און כופרים למיניהם, וועלכע האבן ליידער חרוב געמאכט און מחבל געווען בְּכֶרֶם ה' צְבָאוֹת. און בעיקר האבן זיי רח"ל נאכגעשלעפט נאך זיך די הערצער פון די יונגע בחורים, די צאן קדשים, וואס צוליב זייער תמימות האבן זיי נישט באמערקט די שלעכטע און בייזע כוונות פון די רשעים, און האבן זיך געלאזט פאנגען פון די גלאטע צינגלעך, וואס פון זייערע רייד האט זיך עס געהערט אזוי ווי זיי ווילן פארבעסערן דעם צושטאנד פון אידישע קינדער איבער די וועלט, דורכדעם וואס זייער פרנסה וועט בעסער ווערן, א.ד.ג., דורכדעם וואס זיי וועלן זיך אביסל צוגלייכן צו די גוים און האבן שייכות מיט זיי, און האבן באהאלטן זייער אמת'ע כוונה דערביי, אז אידישע קינדער זאלן חלילה אינגאנצן אויסגעריסן ווערן פון די תורה הקדושה און די לעכטיגקייט פון א איד, עפרא לפומייהו.

דער הייליגער צדיק פלעגט ארויסגיין קעגן זיי אין יעדער צייט, און פלעגט עפנטליך אנטפלעקן זייער אמת'ע פנים. אין יעדן פאל וואס זיי האבן פראבירט מיט פארשידענע פעולות צו שלעפן אידישע קינדער נאך זיך, האט ער זיך גלייך געשטעלט קעגן זיי, און ער פלעגט ארויסגעבן א שטארקן איסור אז מען טאר נישט האבן מיט זיי קיין שום שייכות, אפילו אויב עס רעדט זיך וועגן גוטע און אומשולדיגע ענינים!

ווען די הויפט משכילים און ציונים האבן געזען ווי ווייט עס דערגרייכט זייער מלחמה אנטקעגן זיי, האבן זיי געשיקט צו אים א דעלעגאציע [משלחת] פון עטליכע פון זייערע הויפט אנפירער, אז ער זאל אביסל ווייכמאכן זיין געפערליכע קעגנערשאפט אנטקעגן זיי.

ווען אט די דעלעגאציע איז אנגעקומען קיין בעלז, האבן זיי אנגעהויבן וויינען ביטערליך, הֲיִתָּכֵן אז מען דערווייטערט א גאנצער ציבור פון ערליכע אידן... [אין יענע צייטן, האבן זיי נאכנישט פורק-עול געווען אין דער עפנטליכקייט, און אויסערליך האבן זיי נאך אויסגעזען ווי ערליכע אידן, און זיי פלעגן קומען אין שול און אנטון תפילין א.א.וו.]. זיי האבן גע'טענה'ט, אז וויבאלד מען פירט קעגן זיי א ביטערע קאמף, און זיי זענען אלעמאל אינגאנצן דערווייטערט פון כלל ישראל, קומט אויס אז פילע שוואכע אידן פון איבער די וועלט, וואס זייער גאנצער פארבינדונג צו אידישקייט איז דורך זייער "השכלה" און "ציונות" באוועגונג, וועלן דערווייטערט ווערן,

המשך אין עמוד ד' >

און צום סוף ווען זיי אינגאנצן פורק-עול זיין, און פארוואנדלט ווערן אין "גוים גמורים", רחמנא ליצלן.

"איז וואס קען איך טון פאר אייך"? – האט דער הייליגער צדיק געפרעגט – "אז איר פאלגט נישט דעת תורה אין קיין שום זאך, און איר פראבירט אלעמאל קאליע מאכן אידישע קינדער, און אויסרייסן די תורה פון כלל ישראל"!

"מעגליך" – האבן די מענטשן זיך פראבירט בעטן – קען מען אונז אביסל נאכגעבן מיט איין זאך אדער צוויי, וואס איז נישט אזוי וויכטיג אין אידישקייט (עפרא לפומייהו)... און מוותר זיין אויף עפעס אן אלטער מנהג וואס איז נישט 'מן הדין'... און אזוי וועלן מיר זיך קענען 'אויפטון' פאר די וועלט, אז די גדולי הדור האבן צוגעשטימט אביסל נאכצוגעבן פון די אלטע מנהגים, און אביסל נאכגיין די גייסט פון דער צייט, אז 'כְּכָל הַגּוֹיִם בֵּית יְהוּדָה', רחמנא לישזבן.

האט זיי דער רבי שארף ערקלערט, אז אין אידישקייט איז נישט פארהאנען אזא זאך אז עפעס איז 'נישט וויכטיג'! דעריבער איז נישט מעגליך אויף קיין שום פאל, אז מען זאל חלילה מבטל זיין אפילו דער קלענסטער מנהג, וויבאלד א 'מנהג ישראל' איז א 'דין'!

אבער די מיטגלידער פונעם דעלעגאציע האבן זיך שטארק פאר'עקש'נט, און האבן זיך ממש געבעטן אז מען זאל זיי עפעס נאכגעבן, אפילו די קלענסטע זאך וואס זאל נאר זיין, ערקלערנדיג אז אזוי וועלן זיי קענען וויזן אז זיי האבן עפעס אויפגעטון ביי זייער באזוך אין בעלז!

דער הייליגער צדיק האט זיך טיף פארטראכט, און פלוצלונג האט ער זיך אויפגעכאפט פון זיינע געדאנקען, און מיט א לייכטן שמייכל האט ער געזאגט: איך האב מעגליך אן עצה פאר אייך!

ביים זיך שערן די נעגל, זאגן אונזערע חכמים ז"ל (מועד קטן יח.): "הַקּוֹבְרָן צַדִּיק, שׂוֹרְפָן חָסִיד, זוֹרְקָן רָשָׁע". און עס איז דא א מנהג חסידים פון יארן לאנג, אז איידער מען פארברענט די נעגל, קראצט מען אפ פון דער האלץ פונעם טיש, דריי קליינע שפענדלעך, און דערמיט פארברענט מען די נעגל, און אזוי איז מקובל ביי אונז. [משמרת שלום סי' כ"ד אות ח', ליקוטי צבי עמוד ל"ת, תוספות שבת או"ח סי' ר"ס סק"ב] – דעריבער, מעגליך אין דעם מנהג וועלן מיר אייך קענען אביסל אנטקעגן קומען, אז מיר וועלן פארגרינגערן אויף די חסידים וועלכע פארברענען זייערע נעגל מיט דריי האלצערנע שפענדלעך, אז צוויי שפענדלעך וועט זיין גענוג... – איך מוז זיך נאך אבער איבערטראכטן דערוועגן, און זיך פארטיפן אינעם טעם פון אט דעם הייליגן מנהג, און זען צי מען קען מקיל זיין אין דעם. דעריבער, ערלויבט מיר אריינצוטראכטן אין דעם, און קומט צוריק אהער אין עטליכע טעג, און איך וועל אייך געבן מיין ענטפער.

די משכילים זענען ארויסגעגאנגען פונעם הויז פונעם הייליגן צדיק מיט גרויס שמחה, וויבאלד עס האט זיך מעגליך געעפנט פאר זיי א דינעם שפאלט,




פון וואו זיי וועלן קענען אריינקומען אינעווייניג אינעם כֶּרֶם בֵּית יִשְׂרָאֵל. זייער שמחה האט אבער נישט לאנג אנגעהאלטן, ווייל גלייך אויפצומארגנס ווי נאר עס האט אנגעהויבן ליכטיג ווערן, האט דער רבי געהייסן דרינגענד רופן די מיטגלידער פונעם דעלעגאציע פון די משכילים. ווי נאר זיי זענען אריינגעקומען, האט דער רבי אנגעהויבן ביטערליך צו וויינען, זאגנדיג:

א גאנצער נאכט האב איך נישט געהאט קיין מנוחה פון דאס וואס איך האב גערעדט צו אייך נעכטן, אז מען דארף נאכקוקן די טעמים פונעם מנהג, און זען צי מען קען מקיל זיין אין דעם. – איך האב זיך אבער גלייך בארעכנט, אז אויב מיין הייליגער טאטע זצוק"ל האט זיך אזוי געפירט, און אזוי איז מקובל ביי אידישע קינדער פון אסאך צדיקים, אז מען זאל פארברענען די נעגל דווקא מיט דריי שפענדלעך, דעריבער מוזן מיר ווייטער אנהאלטן דעם מנהג גענוי די זעלבע, ווי מיר האבן מקבל געווען מִנְהַג אֲבוֹתֵינוּ בְּיָדֵינוּ, און עס איז נישט מעגליך עס צו טוישן אפילו אויף א האר, דורכן נאכפארשן דעם מנהג און זאגן סברות!

דעריבער וועל איך אויף קיין פאל נישט ערלויבן, צו מבטל זיין אפילו א 'קוצו של יוד' פון די הייליגע מנהגים פון אידישע קינדער! און איר וועט נישט האבן קיין שום דריסת הרגל, אפילו מיטן קלענסטן קלייניגקייט, ביי אידן"!!! [עיין ספר מנהג ישראל תורה, סי' ר"ס אות ד].

"כְּכֹל אֲשֶׁר צִוָּה אֹתוֹ אֱלֹקִים כֵּן עָשָׂה"!

[עס איז פאסיג צו צוגעבן, דאס וואס די מקובלים שרייבן, אז ביים פארברענען די נעגל איז מען מבער פון די וועלט די רשעי ישראל און די לֵצִים, וועלכע שטייען פאר אידישע קינדער אזוי ווי שטעכעדיגע דערנער, און זיי זענען אזוי ווי די נעגל וועלכע זענען מותרות פארן גוף, אין וועלכע עס געוועלטיגן די כוחות הטומאה און די סטרא אחרא, כידוע.

אזוי ווי עס שטייט אין ספר דרשות ר"י אבן שועיב [תלמיד הרשב"א] זצ"ל (פרשת אמור), וזל"ק: "יֵשׁ כַּת אַחֶרֶת בָּעָם, וְהֵם מְעַט מִזְּעֵיר לֹא נִתַּן לְחֶשְׁבּוֹן, וְהִיא כַּת הַלֵּצִים שֶׁאֵינָן עוֹסְקִין בְּיִשּׁוּב הָעוֹלָם, וְאֵין צָרִיךְ לוֹמַר שֶׁאֵינָן בַּתּוֹרָה וּבַמִּצְוֹות, וְהֵם יוֹשְׁבֵי קְרָנוֹת בַּעֲלֵי לָשׁוֹן הָרָע, וְאֵינָן רְאוּיִין לַעֲלוֹת בַּמִּנְיָן. – אַדְּרַבָּה מִצְוָה לְאַבְּדָם מִן הָעוֹלָם, וְהֵם כְּנֶגֶד הַשֵּׂעָר וְהַצִּפָּרְנַיִם שֶׁהֵם מוֹתָרוֹת בְּגוּף. וְלָכֵן בָּאָה מִצְוַת צִפָּרְנַיִם בְּדִבְרֵי חַזַ"ל זוֹרְקָן רָשָׁע שׂוֹרְפָן חָסִיד קוֹבְרָן צַדִּיק, רֶמֶז לְזוֹ הַכַּת הָאֲרוּרָה שֶׁמַּנִּיחִין חַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא וְהָעוֹלָם הַזֶּה. וְעַל כֵּן הַמַּנִּיחָן וְזוֹרְקָן בֵּין הָאֲחֵרִים רָשָׁע, וְהַשּׂוֹרְפָן חָסִיד שֶׁמְּאַבְּדָן שֶׁלֹּא יִשָּׁאֵר מֵהֶם זֵכֶר, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שמואל ב' כג ו) 'וּבְלִיַּעַל כְּקוֹץ מֻנָד כֻּלָּהֶם כִּי לֹא בְיָד יִקָּחוּ', וּכְתִיב (שם ז) 'וְאִישׁ כִּי יִגַּע בָּהֶם יִמָּלֵא בַרְזֶל וְעֵץ חֲנִית וּבָאֵשׁ שָׂרוֹף יִשָּׂרְפוּ בַּשָּׁבֶת'. וְהַקּוֹבְרָן, שֶׁגּוֹעֵר בָּהֶם וּמַסְתִּירָן בְּבֵית הָאֲסוּרִים וּבְמָקוֹם שֶׁלֹּא יֵרָאוּ, צַדִּיק" עכל"ק].

-> • <-

נאך האט מיר דערציילט איינער פון די **גדולי הרבנים שליט"א**, א רב און אב"ד פון א חשוב'ע שטאט אין ארץ הקודש יצ"ו:

איינמאל איז ביי מיר געווען צוגאסט לכבוד שבת קודש, דער הייליגער **רימניצער צדיק זצוק"ל**. אום ערב שבת, נאכדעם וואס ער האט געענדיגט שערן זיינע נעגל, האט ער געבעטן א מעסער צו שארפן [ווי דער מנהג הצדיקים אום עש"ק, לויטן תורת הסוד, כידוע ליודעי ח"ן], און נאכן עס גוט אנשארפן, האט ער מיר געפרעגט פון וואו מען קען אפשיילן קליינע שפענדלעך פון האלץ. האב איך אים געוויזן אויפן האלצערנעם טיר פונעם סאלאן, איז ער צוגעגאנגען מיט זיין בענקל און זיך רואיג געזעצט דארט און אליין געשניטן דריי קליינע שפענדלעך, און איבער זיי האט ער פארברענט זיינע נעגל! אזוי ווי ער האט אלעמאל מקפיד געווען אפצוהיטן און מקיים זיין יעדער זאך בתמימות און בשלימות!

"כְּכֹל אֲשֶׁר צִוָּה אֹתוֹ אֱלֹקִים כֵּן עָשָׂה"!

◆ מוקד הזמנות ספרים ◆
של הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
קו ההזמנות של מכון טיב 0733-22-76-09
טלפון אחד והספר אצלך ללא עלות דמי משלוח

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173